גליון כב׳ שנה א׳

פרשת ואתחנן
תשפ״ו

# בחור׳ל

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: טבילה פאר יראת שמים

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

יישר כח פאר די שיעורים און פאר די עצותו אמונה.

איך האב געוואלט פרעגן, עס שטייט אין ספר המדות (אות יראה, סימן לא) "ליראה תלך למקוה", און נאכדעם, אין סימן לז שטייט, אז ש"י טבילות איז מסוגל פאר יראה; עס שטייט שוין פארדעם אז מקוה איז מסוגל ליראה, וואס דארף נאכדעם שטיין אז ש"י טבילות איז אויך מסוגל פאר יראה?

יישר כח

### תשובה

לכבוד... נרו יאיר, תלמיד ישיבת היכל הקודש ירושלים

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**דורך מקוה באקומט מען יראת שמים**

דו פרעגסט, דער רבי זאגט (ספר המדות אות יראה חלק א, סימן לא): "**לְיִרְאָה תֵּלֵךְ לַמִּקְוֶה**", דורך מקוה באקומט מען יראת שמים, איז וואס זאגט דער רבי (שם, סימן לז): "**גַּם שַׁ"י [שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וָעֶשֶׂר] טְבִילוֹת מְסֻגָּלִין לְיִרְאָה**", זיך טובל'ן דריי הונדערט און צען מאל - איז מסוגל פאר יראת שמים; אמער,ביים גיין אין מקוה איז מען שוין זוכה צו יראה?!

**יראת שמים האט מדריגות**

וויסן זאלסטו, אין יראת שמים איז דא אסאך מדריגות, עס איז נישט פשט אז איינמאל מען האט יראת שמים איז מען שוין גוט, מען דארף אלץ שטרעבן צו באקומען מער און מער יראה פונעם אייבערשטן; מוהרא"ש דערציילט, ווען דער הייליגער רבי זכותו יגן עלינו פון סאטמער איז געווען אין ארץ ישראל, אין טבריה, ביים קבר פונעם הייליגן רמב"ם, האט ער דערציילט א פחד פון א מעשה, אז דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו האט אמאל זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל זוכה זיין צוצוקומען צו די מדריגה, מורא האבן פונעם אייבערשטן אזוי ווי די אבות הקדושים האבן מורא געהאט, און מען האט אים מודיע געווען פון הימל אז עס איז נישט שייך, ער וועט דאס נישט קענען אויסהאלטן. האט דער הייליגער ישמח משה געבעטן, אפשר קען ער באקומען די יראה וואס די תנאים האבן געהאט, האט מען אים אויך מודיע געווען פון הימל אז ער וועט דאס נישט קענען אויסהאלטן, האט ער געבעטן אלץ לויט די שפעטערע דורות, ביז ווען ער האט געבעטן דעם רמב"ם'ס יראה, האט מען אים דאס געגעבן, און דער הייליגער ישמח משה האט דאס נישט געקענט אויסהאלטן, ער האט אוועק גע'חלש'ט; זעט מען פון דעם אז אין יראת שמים קען מען אלץ זוכה זיין צו מער און מער, דאס גייט העכער און העכער.

**גיי אין מקוה יעדן טאג**

העיקר זאלסטו גיין אין מקוה יעדן טאג, און ווען דו טובל'סט זיך זאלסטו אינזין האבן שם א-ק-י-ק במילוי ההין: **אל"ף ה"ה יו"ד ה"ה**, וואס באטרעפט **קנ"א (151)**, אזוי ווי **מקו"ה (151)**, און האב אינזין: '**אֶקְיֶ"ק, אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי**' (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ו), איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין ערליך און הייליג; זאג פארן באשעפער אז דו גייסט שוין זיין אן ערליכער איד, היטן די אויגן, היטן די מחשבה, היטן דעם דיבור, און אזוי ווייטער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## התחזקות פון דער ראש ישיבה שליט"א

לכבוד... נרו יאיר, מגיד שיעור בישיבת היכל הקודש וויליאמסבורג

### נישט מפקיר זיין די אויגן

איך בעט דיר זייער זאלסט רעדן צו די בחורים פון קדושת עיניים, פון זיך היטן די אויגן. ווייל יעצט ווען מיר זענען אריין אין די זומער טעג דארף מען א שמירה עליונה נישט נכשל צו ווערן אין ראיות אסורות, ווייל אין די אויגן איז אנגעהאנגען אלעס, די גאנצע הצלחה פונעם מענטש ליגט אין די אויגן, און חס ושלום אז מען איז מפקיר די אויגן - רייסט מען זיך אינגאנצן אפ פונעם אייבערשטן, מען קומט צו פוגם זיין בברית רחמנא לצלן; ווי און ביטער איז אז מען היט נישט די אויגן, עס ווערן באשאפן פון יעדע שלעכטע קוק קליפות און מזיקים וואס טוען זיך נוקם זיין אינעם מענטש, אויך דער מלאך המות איז זיך נוקם, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה כ:): "**מַלְאַךְ הַמָּוֶת כֻּלּוֹ מָלֵא עֵינַיִם**", דער מלאך המות איז אינגאנצן אנגעפילט מיט אויגן; ווען עס קומט די צייט דער מענטש זאל נפטר ווערן, קומט דער מלאך המות, ער ציט זיך אויס פון דער ערד ביזן הימל און ער איז איין שטיק אויגן, פול מיט אויגלעך, און ווען דער מענטש זעט אים ווערט ער זייער דערשראקן און פון דעם שטארבט מען; און דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו זאגט בשם זיין רבי'ן, דער גאון וקדוש רבי נתן אדלער זכר צדיק לברכה (חתם סופר בראשית, הקדמה) אז די טויזנטער אויגלעך - דאס זענען פון די אלע הסתכלות אסורות וואס דער מענטש האט געקוקט זיין גאנץ לעבן, די אלע אויגן נעמט דער מלאך המות און ער קומט צום מענטש און ער הרג'עט אים, ווייל עס איז נישטא נאך א זאך וואס זאל הרג'ענען דעם מענטש ווי נישט היטן די אויגן. מיט דעם טייטשט ער וואס מיר בעטן דעם אייבערשטן פרייטאג צו נאכטס: "**וִישֵׁזְבִינָנָא מֵעֵינָא בִּישָׁא, וּמֵחַרְבָּא דְמַלְאַךְ הַמָּוֶת, וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם**", היט אונז פון א שלעכט אויג, און פונעם מלאך המות, און פון גיהנום; אז דאס גייט אינאיינעם, אז מיר וועלן נישט האבן קיין 'עינא בישא' מיר וועלן היטן די אויגן, וועלן מיר נישט מורא האבן פונעם שווערד פונעם מלאך המות, און מיר וועלן נישט אנקומען אין גיהנום.

### פיר כיתות וואס זענען נישט מקבל די שכינה

זע אויסצורייסן פון די בחורים די מידה פון ליצנות, איך האב זייער מורא עס זאל נישט זיין צווישן די בחורים די מידה פון ליצנות; אז מען היט נישט די אויגן, מען קוט שלעכטע זאכן, סיי אין גאס, סיי אין א טעלעפאן, אין קאמפיוטער, טעבלעט וכדומה - פאלט אוועק די תמימות. די הייליגע חכמים זאגן (סוטה ט:): "**שמשון הלך אחר עיניו**", שמשון איז נאך געגאנגען נאך זיינע אויגן, "**לפיכך נקרו פלשתים את עיניו**", זענען געקומען די פלשתים און אויסגעשטאכטן די אויגן, מידה כנגד מידה; דאס איז ביי יעדן איינעם, אז מען היט נישט די אויגן קומען די פלשתים, דאס זענען די קליפות, און זיי רייסן אויס די אויגן פון זען אלקות, פון שפירן דעם אייבערשטן; די פלשתים דאס זענען די לצים, מיט ליצנות ווערט אויסגעריסן די אויגן, מען זעט מער נישט און מען שפירט נישט דעם אייבערשטן. אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (סוטה מב.), עס איז דא פיר כיתות וואס: "**אין מקבלים פני שכינה**", איינע פון די כיתות איז די כת ליצים, און דער הייליגער אריז"ל זאגט (שער מאמרי חז"ל, סוטה מב), די פיר כיתות זענען אנטקעגן די פיר וועלטן, און די כת לצים איז אנטקעגן עולם אצילות, ווייל ליצנות איז אזוי געפערליך אז אפילו מען איז זוכה צו שפירן די ליכטיקייט פון עולם אצילות - קומט ליצנות און פארלעשט עס, מען ווערט אפגעקילט, מען פארלירט עס; און דאס אלעס קומט פון קוקן עבירות, ביז מען פאלט אין פגם הברית רחמנא לצלן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## בין כותלי הישיבה

...דער רבי האט שפעטער דערציילט פאר רבי נתן אז ווען ער איז געווען אין די הייל פון אליהו הנביא האט ער זיך מצייר געווען, וויאזוי אליהו הנביא איז דא, און דער רבי האט געטראכט, "און וואס טוט ער? ער איז זיך מתבודד..." האט דער רבי אויסגעפירט, "האב איך אויך אנגעהויבן מאכן התבודדות..."

רבי נתן האט דאס מורא'דיג אויסגעלויבט... דער רבי איז אנגעקומען צו מערת אליהו, האט ער גלייך געכאפט די נקודה: וואס האט אליהו הנביא געטון? איך גיי עס אויך טון!

צו הערן די גאנצע שיעור:

212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|12|2|51

## קורץ און שארף

"וואס איז שכל? רעדן צום אייבערשטן!"

(דער ראש ישיבה שליט"א ביים אנשמירן א קינד מיט הבדלה ווין)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370